# דער קאראנט נייעס

וויליאמסבורג - קלינטאן היל - בעדפארד סטייוועסענט

פרילינג 2007 ערשטע יארגאנג נומער 4


## דעם פרעזידענט'ס ווינקל...

**א ווארט צו די לייגער.**

מיר זענען צופרידן מיט די אנגייענדע סאציאלע סערוויסעס וואס **די יו.דזשעי. א.** שטעלט איצט צו פארן גאנצן ציבור. א שטארקער חלק פון אונזער וויזיע איז שטענדיג צו שטרעבן נישט בלויז צו פארבעסערן אונזערע באדינונגען נאר אויך צו ברענגן מער סערוויסעס פון וואס דער ציבור קענען בענעפיטירן.

בעת עס זענען דא אסאך היניזכטן אויף וואס מיר ארבעטן, האבן מיר געווידמעט אונזער זאפארטיגע אויפמערקזאמקייט און באמיאונגען צו די פעדעראלע **נאו טשיילד לעפט בעהיינד** (ען.סי.על.בי.) פראגראם וואס איז אוועקגעשטעלט געווארן צו פארזיכערן אז אלע קינדער קענען באקומען א דורכדרינגליכע און הויכע סטאנדארט ערציאונג.

אונזער קאנצענטרירונג אויף ען.סי.על.בי. איז איבערהויפט אויף **טייטעל 1** וועלכע שטעלט צו געלטער פאר ספעציעלע סערוויסעס פאר קינדער אין די עפנטליכע ערציאונג סיסטעם. מיר שטופן פאר, און טוען אונזער מערסטע, צו פארזיכערן אז די געלטער זאלן אויך צוגעשטעלט ווערן פאר נישט־פובליק שולע קינדער וועלכע נויטיגן זיך אין די סערוויסעס.

דורכאויס די לעצטע עטליכע חדשים האבן מיר געארבעט מיטן דעפיוטי מעיאר, די העכסטע ראנגען פון די סיטי דעפארטמענט אוו עדיוקעישאן, און מיטגלידער פון די סיטי קאונסיל, צו פארזיכערן אז אונזערע קינדער וועלן אויך בענעפיטירן פון די זייער גונסטיגע ערציאונג פראגראם.

נאכאמאל, מיר ווילן אייך דאנקן פאר אלע אייערע קאמענטארן בנוגע דעם אינהאלט און קוואליטעט פון אונזער נייעס־בלעטל. ביטע זייט ממשיך צו רעאגירן, און איר קענט זיין זיכער אז מיר וועלן טאן דאס בעסטע וואס מיר קענען אייך צו האלטן אינפארמירט איבער איצטיגע אישוס וועלכע זענען נוגע אונזער געמיינדע.

הק' משה דוד נידערמאן

# פייזער'ס ״העלפ־פול ענסערס פראגראם״

עס איז געשאצט אז איבער פינף און דרייסיג מיליאן אמעריקאנער האבן נאכנישט קיין העלט אינשורענס. דער פראבלעם פון נישט האבן אינשורענס אפעקטירט מענטשן פון פארשידענע עטנישע גרופעס און מענטשן אין פארשידענע עקאנאמישע מצבים צוגלייך.

עס זענען דא אסאך סיבות פאר נישט האבן קיין אינשורענס. צום ביישפיל אסאך ארבעטגעבער שטעלן שוין נישט צו קיין אינשורענס. טייל פארלירן דעקונג ווען זיי פארלירן זייער ארבעטע און אנדערע אויך איז שוועער צו טרעפן הילף און קוואליפיצירן נישט פאר אסאך פראגראמען אדער קענען זיך נישט ערלויבן די טייערע קאסטן.



מאכן דעם ריכטיגן באשלוס אין די היינטיגע קאמפליצירטע געזונטהייט סיסטעם. אפילו די וואס האבן יא העלט אינשורענס האבן אסאך נישט קיין דעקונג פאר מעדיצינען וועלכע קענען צומאל ארייננציען אין גאר הויכע הוצאות.

דערפאר איז די **יו. דזשעי. א.** צופרידן פארצושטעלן **פייזער** און זייער העלפ־פול ענסערס (בייהילפיגע ענטפערס) פראגראם וואס קען אסאך ארויסהעלפן די וואס נויטיגן זיך אין דעקונג פאר רעצעפטן מעדיציגען.

### וואס איז פייזער בייהילפיגע ענטפערס?

פייזער איז א בארימטע מעדיצין פירמע. אין צוגאב צו פאבריצירן מעדיצין איז די פירמע שוין צוואנציג יאר אויך באשעפטיגט מיט העלפן מענטשן וועלכע האבן נישט קיין דעקונג צו צאלן פאר די מעדיצינען.

אלס רעאקציע צו די שוועריקייטן וואס אזויפיל מאכן דורך אן קיין דעקונג פאר פרעסקריפשאן מעדיצין איז געשאפן געווארן די פייזער בייהילפיגע ענטפערס פראגראם. עס שליסט איין עטליכע פאציענטן פרעסקריפשאן הילף פראגראמען וועלכע קענען העלפן פילע וועלכע האבן נישט קיין מעדיצין דעקונג מיט שפארונגען אויף אסאך פון פייזער'ס מעדיצינען אפגעזען פון זייער עלטער אדער פארדינסטן. מענטשן מיט שוואכע פארדינסטן קענען אפילו זיין בארעכטיגט צו באקומען די פייזער מעדיצין פאר אומזיסט.

די פראגראמען שטעלן צו

ווייטער אויף זייט 7


U.S. Postage
PAID
Non-Profit
Organization

THE CURRENT

Christine Lawson, *Editor*

Volume 1 / Number 4 ~ Spring 2007

# נייע־פארגעשלאגענע טשיילדקעיר רעגולאציעס

די **ניו יארק סיטי דעפארטמענט אוו העלט** האט פארגעשלאגן א רייע ענדערונגען צו ארטיקל 47 פון די געזונטהייט קאוד וואס רעגולירט טשיילד קעיר, ד.ה. דעי־קעיר צענטערן און ענליכע סערוויסעס וועלכע נעמען אריין קינדער ביז פינף יאר אלט.



דער פארשלאג האט אנטהאלטן א רייע ענדערונגען אוועקצושטעלן נייע פארשריפטן פאר טשיילד קעיר סערוויסעס. עטליכע ביישפילן זענען:

נייע פארלאנגן פאר קרעדענשאלס פאר דירעקטארן און טיטשערס; א העכערע ראטע פון טיטשערס פער סטודענטן; נאך פינף הונדערט טשיילד קעיר סערוויסעס וועלן דארפן האבן שטאטישע פערמיטן אין די צייט וואס ביז היינט האבן די רעליגיעזע צענטערן נישט געמוזט האבן קיין פערמיטן; דורכפירן בעק־גראונד אונטערזוכונגען אויף די איינגעשטעלטע; נייע פארשריפטן איבער די ערטער און סטרוקטורן וועלכע קענען גענוצט ווערן פאר דעי קעירס פאר אינעווייניגסטע און דרויסנדיגע פראגראמען.

## די פראבלעמען

די פארשלאגן ברענגן אויף ערנסטע פראבלעמען פאר רעליגיעזע נוירסעריס און פריי־סקולס. די ארטיקל 47 רעוויזיעס וואלטן פארלאנגט אז רעליגיעזע נוירסעריס און פריי־סקולס זאלן נאכקומען די זעלבע פארשריפטן ווי נישט רעליגיעזע צענטערן.

די צענטערן וואלטן געדארפט באקומען העלט דעפארטמענט פערמיטן אנצוגיין אין די צייט וואס במשך די לעצטע פינף און צוואנציג יאר האבן זיי גענאסן פון די **נישט פערמיט פארלאנגט** (ען. פי. אר.) שטאטוס.

עס איז קיין פראגע נישט אז אונזערע שולעס זוכן די זיכערהייט און געזונטהייט פון די קינדערלעך גארנישט ווייניגער ווי די דעפארטמענט. אבער געוויסע טיילן פון די ענדערונגען זענען איבערגעטריבן און זייער קאסטבאר און טייל פון די

ווייטער אויף זייט 6

## פייזער'ס

המשך פון זייט 8

הילף דורך באטייליגטע דאקטאר אפיסעס, לאקאלע העלט צענטערן, שפיטעלער און פארמאסי געשעפטן.

### וואס זענען די פראגראמען?

עס זענען דא פיר פייזער פראגראמען צו העלפן די נויטבאדערפנדע:

### קאנעקשאן טו קעיר

דאס איז פייזער'ס עלטסטע פאציענטן הילף פראגראם צושטעלנדיג הילף פאר איבער צוואנציג יאר. עס שטעלט צו פייזער מעדיצינען צו בארעכטיגטע פאציענטן דורך זייער דאקטאר'ס אפיס.

**פארשריפטן פאר'ן פאציענט:**

- האט נישט קיין דעקונג פאר מעדיצין.
- הויז געזינד'ס איינקונפט איז ביז צוויי הונדערט פראצענט פון די פעדעראלע ארימקייט שטאפל, צוגעפאסט צו די גרויס פון די משפחה.

### שעירינג די קעיר

די פראגראם שטעלט צו אומזיסטע פייזער מעדיצין דורך קוואליפיצירטע פעדעראל באצאלטע קאמיוניטי העלט צענטערן. די פראגראם איז געשאפן געווארן אין 1993 אין צוזאמענארבעט מיט די נאציאנאלע גאווערנארס אסאסיאציע. איבער פיר הונדערט קאמיוניטי העלט צענטערן זענען באטייליגט דערין דורכאויס דאס לאנד.

**פארשריפטן פאר'ן פאציענט:**

האט נישט קיין דעקונג פאר מעדיצין.

הויז געזינד'ס איינקונפט איז ביז צוויי הונדערט פראצענט פון די פעדעראלע ארימקייט שטאפל, צוגעפאסט צו די גרויס פון די משפחה.

איז רעגיסטרירט אלס פאציענט אין די באטייליגטע העלט צענטער.

### פייזער האספיטאל פארטנערשיפ פראגראם

די פראגראם שטעלט צו אומזיסטע פייזער מעדיצינען דורך קוואליפיצירנדע שפיטעלער. איבער פערציג שפיטעלער איבער'ן לאנד זענען אנגעשלאסן אין די פראגראם.

**פארשריפטן פאר'ן פאציענט:**

- האט נישט קיין דעקונג פאר מעדיצין.
- הויז געזינד'ס איינקונפט איז ביז צוויי הונדערט פראצענט פון די פעדעראלע ארימקייט שטאפל, צוגעפאסט צו די גרויס פון די משפחה.
- איז רעגיסטרירט אלס פאציענט אין די באטייליגטע העלט צענטער.

### פייזער פריינט

די פראגראם שטעלט צו שפארונגען אויף פייזער מעדיצינעןביים עס קויפן אין פארמאסי. איבער 95 פראצענט א טייק געשעפטן אין לאנד זענען אנגעשלאסן דערין. פייזער פריינט איז אנטוויקעלט געווארן אין '04 זייענדיג די ערשטע פאציענטן הילף פראגראם צו צושטעלן שפארונגען פאר מענטשן אן קיין פרעסקריפשאן דעקונג, אפגעזען פון זייער עלטער אדער פארדינסטן.

**פארשריפטן פאר'ן פאציענט:**

- האט נישט קיין דעקונג פאר מעדיצין.
- איז א לעגאלער איינוואוינער אין אמעריקע.

### ווי אזוי אפלייעט מען?

מ'קען איינגעבן פאר די פרעסקריפשאן פראגראם דורך רופן פייזער בייהילפיגע ענטפערס אויף 1־866־706־2400 אדער דורך אראפקומען צו די יו.דזשעי.א. אויף 32 פען סטריט צווישן ווייט און קענט עוועניו ־ און רעדן צו א קעיס ווארקער פאר מער הילף. איר קענט אויך רופן די יו.דזשעי.א. אויף 718־643־9700 עקסטענשאן 206 אדער 210.

עס איז וויכטיג צו וויסן אז אין צוגאב צו די העלפ־פול ענסערס פראגראם נעמט פייזער אויך אנטייל אין אנדערע אפטייק פראגראמען וועלכע העלפן מענטשן אן קיין מעדיצין דעקונג. איבערהויפט איז כדאי צו דערמאנען די **פארטנערשיפ פאר פרעסקריפשאן אסיסטענס** (פי. פי. עי.) וואס שטעלט צו אויף איין ארט צוטריט צו איבער 475 פראגראמען וועלכע העלפן פאציענטן ארייגערעכנט איבער הונדערט און אכציג פראגראמען וועלכע ווערן צוגעשטעלט דורך א טייק פירמעס ענליך צו פייזער העל פול ענסערס. פאר מער אינפארמאציע רופט פי. פי. עי. אויף 1־800־477־2669.

# יו. דשעי. א. דריטע לעגיסלאטיווע פרישטאג

זונטאג במדבר מאי 13 למספרם האבן זיך פארזאמעלט אנגעזעענע לעגיסלאטיווע און לאקאלע געמיינדע פירער צו פייערן די יו.דזשעי. א.'ס הצלחה אין פ אראייניגן און טשאמפאנירן די אינטערעסן פון די חסיד ישע וויליאמסבורגער געמיינדע אויף געביטן ווי האוזינג געזונטהייט באדינונגען און לעגאלע און ציווילע רעכטן.

וועלכע האבן זיך באטייליגט האבן זיך אנגעזען קאנגרעסמאן טשארלס רענגעל קאנגרעסמאן ענטאני וויענער קאנגרעסמאן עד טאונס קאנגרעסמאן דשעראלד נאדלער ניו יארק סיטי עמוירדזשענסי מענעדזשמענט קאמישאנער דזשאסעף בראנא בארא פרעזידענט מארטי מאראוויטש קאונסילמאן דעוויד ווערין קאונסילמאן שמחה פעלדער און

געמיינדע'ס וואל כח קעגן פאראַרדענטע דיסטריקט צוטיילונגען באזירט אויף ראסע. ער האט אויך אדוואקאטירט פאר די יארמולקע אין מיליטער וואס האט נישט בלויז אפעקטירט די אנגענומענקייט פון יארמולקעס נאר אויך די פולע חסיד'ישע לבוש אין די עפנטליכע ארענע און אין אלע ארבעט סיטואציעס.



יו.דזשעי. א. פרעזידענט ר' משה דוד ניעדערמאן איז געווארן אנערקענט און באגריסט פאר זיין באשיידענע און שטילע צוגאנג צו איינפעדימען שטארקע און נאנטע פארבינדונגען צווישן די וויליאמסבורגער געמיינדע און איינפלוסרייכע לעגיסלאטיווע פירער וועלכע פארמען אויס ניו יארק'ס געזעצן און פאליסיס.

צווישן די געזעצגעבער קאונסילמאן עריק דילאן.

א ספעציעלע באגריסונג איז געמאכט געווארן צום בארימטן קאנסטיטוציעלן אדוואקאט און דענקער נעיטען לואין וועלכער איז אויך געווען דער הויפט (קי־נאוט) רעדנער. זיין ערשטע אידישע קעיס צו ארגומענטירן פאר'ן סופרים קאורט וואס האט לואין געזאגט איז געווען אין 76, פארטרעטנדיג די יו.דזשעי. א. צו פארזיכערן די וויליאמסבורגער חסיד'ישע

אין סך הכל האט די לעגיסל אטיווע פרישטאג זיך ארויסגעשטעלט צו זיין זייער דעפאלגרייך. אין צוגאב צו די באערונגען וואס מ'האט געגעבן האט די פארזאמלונג אויך פארשטערקערט די פארזעצונג פון דיסקוסיעס אין היניזיכטן וועלכע זענען נוגע נישט בלויז די אידישע געמיינדע פון וויליאמסבורג אבער אויך צו די ברייטערע ארטאדאקסישע געמיינדע אין ניו יארק.

שולעס וועלן זיך מעגליך מוזן אפשפארן אויב זיי זאלן מוזן נאכקומען די טייערע פארלאנגן צוליב זייערע אוממעגליכקייטן אויפצוקומען מיט די געלטער דערפאר.

טראץ וואס געוויסע נייע פארלאנגן זענען פארשטענדליך, זענען אנדערע אזוי טייער אז עס וועט ארויפטרייבן דריי פאכיג די קאסטן פאר די מוסדות און כאטש דריי פאכיג די עלטערן'ס שכר לימוד פרייזן.

אויב עלטערן זאלן נישט קענען שיקן די קינדער אין די שולעס צוליב די אסטראנאמישע קאסטן און א שליסונג פון שולעס באדייט עס אז מאמעס וועלן אגאנצן טאג האבן די קינדער אינדערהיים און נישט האבן די עטליכע פרייע שעות אינמיטן טאג פאר אנדערע וויכטיגע אויפגאבעס. אין ערגסטן פאל

## טשיילד קעיר

המשך פון זייט 7

קען עס פירן צו די שאפונג פון אומרעגולירטע פריוואטע טשיילד קעיר באדינונגען וועלכע וועלן נישט נאכקומען די סטאנדארטן.

די נייע קרעדענשאל פארלאנגן פאר טיטשערס און דירעקטארן באדייט אז עס וועט שטערן די רעליגיעזע שולע פון אויספירן זייער חינוך אויפגאבע. לויט דעם געטרייען וויליאמסבורגער **קאונסילמאן יאסקי** וועלכער האט גענומען א פירערשאפט ראלע איבער די אישו זענען רעליגיעזע שולעס א פונדאמענט שטיין פאר רעליגיעזע געמיינדעס און די רעגירונג מוז זיין אויסערגעווענליך פארזיכטיג ביים פרובירן זיי צו רעגולירן. די פארגעשלאגענע רעגולאציעס פארלעצן די אויטאנאמיע פון רעליגיעזע שולעס.

### פארשטייער אינטערוועניִרן לטובת די בתי חינוך

דער איבערזיכט פון ארטיקל 47 איז נישט ענדגילטיג און די סיטי האט אויפגענומען די קאמענטארן פון די רעליגיעזע פארשטייער. צווישן די וואס האבן אדוואקאטירט קעגן די ענדערונגען איז ר' משה דוד ניעדערמאן פון די יו. דזשעי. א. וועלכער האט פערזענליך גערעדט מיט העלט קאמישאנער פרידען צו דיסקוסירן און פארהאנדלען איבער די רעפארם פארשלאגן.

במשך די פארהאנדלונגען האט מען שוין געמאכט פאזיטיווע פארשריט. מען איז איינגעגאנגען אויף אן א מאך אז די העלט דע ארטמענט וועט:

- נישט ארויפשטעלן קיין פארשריפטן וואס האבן צו טאן מיט די לערן פראגראמען (קוריקולום);
- אפטרעטן פון די קרעדענשאל פארלאנגן פאר די מחנכים און שטאב מיטגלידער;
- וועט ווייטער אנהאלטן די נישט־פערמיט־פארלאנגט שטאטוס פאר רעליגיעזע שולעס. עס וועט גענוג זיין זיך צו רעגיסטרירן ווי עס איז געווען ביז איצט אבער נישט ווארטן אויף א פערמיט;
- וועט ווייטער איבערשמועסן די געזונטהייט און זיכערהייט אישוס וועלכע עס זענען וויכטיג און וועלכע זענען צו שווער נאכצוקומען און זענען אומנויטיג.

אויפין פארלאנג פון די רעליגיעזע פארשטייער איז די צייט פאר פובליק קאמענטארן פארלענגערט געווארן ביז יולי 30 און עס וועט מעגליך נאכמער פארלענגערט ווערן צו געבן צייט צו פארהאנדלען איבער די אישוס.

